39

(1)

רשמה שרה זית.

(מקודם – בן-גוריון. י.ש.)

15.8.1939

97

DOC00333

# הקונגרס ה-21 בגנבה

די רעדע פון חבר מ. שרתוק
~~XXXXXXXXXXXXXXXXXX~~ זיצונג פון דער פראקציע
אויף דער ~~וועלט קאנפערענץ פון~~
דעם 16-טען אויגוסט, 1939. ג'נבה.

איך מיין ניט אז דער ערשטער טייל פון דעם וואס חבר בן-גוריון האט דא בעזאגט איז איין פון די טעכנישען זייט א פארבערייטונג פאר די דעבאטע אין קונגרעס. איך זאג אין טעכנישען זין, ווייל איך מיין ניט אז אין רעספעקט פון קונגרעס וועט דאס אונז זיין מעגליך צו דיסקוטירען די זייער דעליקאטע פראגע וואס בן-גוריון האט דא אויפגעשטעלט, מיט דער פרייהייט מיט וועלכער ער האט זיך דא באנוצט. אויב דאס איז געווען א צוגרייטונג – איז דאס געווען א צוגרייטונג פאר די פאליטישע קאמיסיע און ניט פאר דעם קונגרעס. און איך פארשטיי, אז די צוגרייטונג איז געמאכט געווארן אונטער דער אנגאמע, דאס מיר געפינען זיך דא ערשטענס אין א פארזאמלונג פון פאראנטווארטליכע חברים, און צווייטענס אין א געשלאסענע, אין א שטרענג געשלאסענע זיצונג. די צוויי פאראויסזעצונגען טרעפען ניט צו אויף א פלענארזיצונג פון דעם קונגרעס. מיר האבען יעצט צו טאן מיט פארשידענע פארטייען, מיט פארשידענע עלעמענטען אין די פארטייען, צו וועלכע מיר קענען זיך ניט באציהען וויא צו פאראנטווארטליכע חברים. די ערפארונג פון דער לעצטער צייט, אי אין א"י און אי אין גלות, האט דאס לייֵדער בעוויזען.

צווייטענס – מיר ריידען אין דעם קונגרעס פאר דער בריטישער עפענטליכקייט, פאר דער פרעסע, און דאס וועט מוזן ארויפלייגען ~~XXXXXXXXX~~ זייער שטרענגע בעשרענקונגען אויף אונזער אויסדרוקספרייהייט. אבער די פראגען, וואס בן-גוריון האט דא אויפגעשטעלט אין דעם ערשטען טייל פון זיין רעדע – שטייען פאר אונז, האטש איך בין ניט מסכים אז זיי שטייען פאר אונז אין אזא שארפען .ענגענזאץ, אונטער דער באשווערדיגקייט פון אזא שארפער וואל צווישען צוויי אלטערנאטיווען, ווי בן-גוריון האט עס דא אויפגעשטעלט. איך מיין אז די מחלוקת איז ניט צי עס קען זיין א צושטנד, אין וועלכען עס קען פאר אונז ווערן אונפארמיידליך זיך צו בענוצען מיט א בוואפענטער קראפט, אדער אז עס טאר ניט זיין אזא צושטנד, אז אין קיין שום פאל טארן מיר ניט זיך בענוצען מיט א בעוואפענטער מאכט. ניט אזוי שטעט דיא פראגע. פראקטיש מיין איך אז דיא פראגע שטעייט צי מיר זאלן זוכען א געלעגענהייט, אדער ניט זוכען. אפשר איז די מאכט א איבערטרייבונג. אדער צו מיר זאלן זעהען אין א מעגליכקייט פון א בעוואפענטען צוזאמענשטויס א שאנס צום דעמאנסטרירן אונזער ווידערשטאנד, אונזער ענטשלאסענקייט, צו בעטראכטען מיר דאס אלס א פאזיטיווע זאך, אדער צו מיר זאלן טאן אלץ כדי דאס צו פארמיידן און ניין אויף דעם וועג נאר אין דעם פאל אין וועלכן דאס וועט פאר אונז אבסאלוט אונפארמיידליך ווערן.

98 ②

DOC 00333a

ש. ז. (16.8.1939) מ. שרתוק

בן גוריון האט געזאגט אז איבער די צוויי זאכען קען מען אננעמען , אז מיר זיינען אלע אויף זיי מסכים. די ערשטע זאך , אז אונזער קאנסטרוקטיווע ארבייט, דער מפעל הבנין – מוז אנגען. די צווייטע זאך , אז דער וועג פון באכמאכען דעם אראבישען טעראר וועלן מיר ניט פאלגען. איך וויל זיך אפשטעלן אויף דעם צווייטען פונקט. דער צווייטער וועג, וואס געוויסע עלעמענטן שלאגען פאר דער בעוועגונג, באזירט זיך אויף א זייער פשוטע לאגיק: דיא אראבער האבען די מעטאדע אנגעווענדעט מיט ערפאלג – מיר האבען פראקטיצירט הבלגה און מיר זיינען דורכגעפאלען. מרי מוזן יעצט נאכמאכן די אראבער און דעמאלט איז אונזער ערפאלג אויך פערזיכערט.

ייִדענפאלס האבען מיר דאן א גרעסערן שאנס צו באזיגן די פאליטיק פון דער רעגירונג איידער דורך דער פריהערדיקער מעטאדע. אויב מיר ווארפען דאס אפ שטעלט די פראגע; פאר וואס? און מיר מוזען זיך אפגעבען א זייער קלארען דין וחשבון, און אפשר פון דעם דין וחשבון וועלן מיר מוזען ציהען קאנסעקווענצען, וואס זיינען ווייט געהעבר, און וואס גייען ארויס פון די ראמען פון אט דער היינגער פראגע: צו מיר זאלן אנווענדען טעראר מיטלען ווי די אראבער אודער ניטש? מען קען צוגיין צו דער פראגע פון מאראלישען שטאנדפונקט; מען קען צוגיין צו דער פראגע פון דעם פראקטישען שטאנדפונקט, פון דעם שטאנדפונקט פון דעם וואס מען רופט אין ענגליש "עקספידיענס". איך גלייב אז אין דעם נעכסטען אנאליז איז נישטא קיין געגענזאץ צווישען עטישע פרינציפען און צווישען פראקטישען אינטערעס.

אבער בשעת מען בעטראכט די זאך פראקטישן שטאנדפונקט, מוזן מיר ענטפערן אויף דער פראגע נישט נאר פון מאראלישען נאר אויך פון פראקטישען שטאנדפונקט: פארוואס דאס וואס איז גוט פאר די אראבער פראקטיש, איז שלעכט פאר אונז. דיא אראבער אפעלירען אויך צו דער וועלט אין נאמען פון רעכט, אין נאמען פון געשיכטע, אין נאמען פון נאציאנאלע שטרעבונגען. אבער זיי לייגען נישט דעם הויפטגעוויכט אויף אט דעם מאראלישען ארגומענט , אויף דעם ארגומענט פון אבסטראקטע רעכט. דעם הויפט געוויכט לייגען דיא אראבער , ייִדענפאלס דער אקטיוויסטישער טייל פון דער קעמפפערישער אראבישער בעוועגונג אין א"י – אויף די טאטזאכע פון דער עקזיסטענץ פון א גרויסער אראבישער מיארעטעט אין ארץ ישראל און פון דער גרייסטשאפט פון אט דער גרויסער מיארעטעט זיך צו בענוצען מיט געוואלט, כדי צו דערגרייכען דאס

פאר וואס זיי קעמפפען. דאס הייסט אז אין דער איצטיגער אנאליזע זאגן דיא אראבער: עס איז אונז גלייך צו איר האלט אז מיר זיינען גערעכט אדער נישט; עס איז אונז גלייכגילטיג וואס איר האלט פון דעם אינהאלט פון אונזער באוועגונג; מיר זיינען דא און מיר ווילן א בעשטימטע פאליטיק נישט ערלויבען. מיר ווילן קעמפפען מיט דער באוואפענטער מאכט און אייער ווידערשטאנד געגען אונז וועט נישט געלינגען; איר וועט מוזען נאכגעבען.

און ענגלאנד האט נאכגעגעבען. די ענגלישע רעגירונג האט נאכגעגעבען. די גרעסטע טיילן פון דער ענגלישער עפענטליכקייט אונטערשטיצען די ענגלישע רעגירונג אין אט דעם פארציכט – פארוואס? ווייל זיי האבען זיך איבערצייג אז די אראבער זיינען גערעכט? ניין! ווייל זיי האבען זיך איבערצייגט אז די אראבישע שטרעבונגען זיינען פון הויכען עטישען ניוו? ניין! גאנץ פשוט, ווייל זיי שטייען פאר א פיזישער מאכט און ווייל עס איז זיי אדער נישט מעגליך אדער נישט כדאי צו לייסטען ווידערשטאנד אט דעם פיזישען דרוק פאר וועלכען זיי שטייען. און די ערשטע פראגע פאר אונז איז צו מיר קענען דאס אוועקשטעלן אויף ז עם זעלבען ניוו? דיא אראבער זיינען א שטיק ווירקליכקייט אין ארץ ישראל, א גרויסע ענטשיידענדע שטיק ווירקליכקייט. מיר זיינען אויך א שטיק ווירקליכקייט און מיר האבען אויך א בעשטימטען פיזישען געוויכט אין ארץ ישראל. און מיר קענען דעם געוויכט אויסנוצען. מיר קענען אויך בעוואפנעט זיין און מיר קענען אויך, און אפשר בעסער, אויסנוצען אונזער באוואפנעטע מאכט אין א"י. דיא פראגע איז אבער צו אונזער פאליטיק קען זיך באזירען נאר אויף דעם גרונד; צו דאס ציל פון אונזער קאמפף איז נאר אויפצוהאלטען אונזערע בשטעהענדע פאזיציעס אין ארץ ישראל. און דער ענטפער אויף דער פראגע מוז זיין נעגאטיוו. מיר קענען זיך נישט אפזאגען פון אט די כלומרשטע אבסטראקטע בעגריפען פון אינטערנאציאנאלע רעכט, פון דער גערעכטיקייט פון אונזערע שטרעבונגען, פון אונזערע היסטארישע פאדערונגען אויף א"י – פון אט די אלע בעגריפען מיט וועלכע די ציוניסטישע פאליטיק האט ביז איצט אפערירט.

אונזער קראפט מוז באשטיין פון א קאמבינאציע פון צוויי עלעמענטען. מיר שטייען איצט נישט אין דעם צושטאנד אין וועלכען מיר זיינען געשטאנען מיט צוואנציג אדער פינף און צוואנציג יאהר צוריק, בעת מיר האבען געקעמפפט פאר דער באלפור דעקלאראציע און בשעת מיר האבען די אויסגעקעמפפט;

ווייל דעמאלט זיינען מיר געשטאנען|נאר מיט דער תביעה אויף א"י, מיטדער
פראקלאמירונג פון אונזער זכות, פון אונזערע רעכט אויף ארץ ישראל, און
פיזיש האבען מיר בעדייט זייער ווייניג אין א"י. איצט זיינען מיר שוין
א שטיק ווירקליכקייט אין א"י און מיר מוזען אויסנוצען אין דער פולטשר
מאס אט די פיזישע מאכט וואס מיר פארמאגען איצט. אבער כל זמן מיר קעמפפען
פאר עליה, כל זמן מיר קעמפפען פאר די מעגליכקייט פון די אידען וואס
זיינען נאך דרויסען צו קומען קיין ארץ ישרא ל — קענען מיר זיך ניט
אפזאגען פון אונזערע מאראלישע רעכט, פון דער געזעכטיקייט פון אונזער
בעוועגונג.

עס קען זיך דאכטען, אז איך זאג דא באנאלע זאכען, אז איך פראקלאמיר
דא אקסיאמען, וועגען וועלכע עס הערשט א פולשטענדיקע הסכמה. אבער מיר
דאכט זיך , אז אויב מיר וועלן אויספירען לאגישע קאנסעקווענצען פון דעם,
וועלן מיר מוזען מאדיפיצירען געוויסע ריכטליניעס, וואס בן-גוריון האט
דא אנגעדייט, האטש ער האט דא , אלס דער וואס האט געטענעט, נישט געמוזט
זאגען וואס זיין מיינונג איז. ער האט דא אויפגעשטעלט צוויי פארשידענע
מיינונגען. איך קען נישט דיסקוטירען מיט דיא אביעקטיווע שילדערונג פון
די צוויי וועגן. איך מוז זיך אפשטעלן אויף איינע פון די צוויי וועגן.
פאר מיר איז דאס קאנסעקווענס, אז מיר מוזען קומען אין אונזער פאליטישער
טאקטיק צו א סינטעזע צווישען די צוויי עלעמענטן. מיר טארן נישט אנווענדן
מעטאדען פון פיזישען ווידערשטאנד, אדער פון פיזישען קאמפף, וואס קען
ברייגגען שאדען דער מעגליכקייט פון אפעלירען צו דעם געוויסען פון דער
מענשהייט, צו אפערירען מיט די בעגריפען פון אונזערע מאראלישע רעכט.

בשעת די אראבישע פראגע ווערט אויפגעשטעלט אויף א פאליטישע
טריבונע , אויף א ענגלישע טריבונע, אויף א וועלט טריבונע — שטייט זי
אלס א פאקטאר פון א בעשטימטער פיזישער ווירקליכקייט, וואס איבט אויס א
דרוק. בשעת אונזער פראבלעם ווערט אויפגעשטעלט — ווערט ער אויפ-
געשטעלט אלס א וועלט פראבלעם פון א פאלק, וואס איז נאך נישט קיין
פשוטען
ווירקליכקייט אין ~~אאאאאאאא~~ זין פון ווארט אין א בעשטימטע לאנד —
וואס איז א ווירקליכקייט פון ליידען, פון שטרעבונגען, וואס לאזען נישט
רוהען דעם געוויסען פון דער מענשהייט און וואס פאדערן בעפרייאונג. איך
קען זיך נישט פארשטעלן אז איינציגער פון אונז וועט זיך אפזאגען פון דעם
קאמפף מיטעל. בשעת די וועלט הערט בואס די אראבער טוען אין ארץ ישראל,
באקומט די ציוויליזירטע וועלט א בעגריף פון ווילדע מענשען , פון פראים.

101

אויב מען מאכט וואס זיי פאדערן – מאכט מען דאס נישט ווייל מען האט רעספעקט פאר זיי; מען מאכט עס ניש ווייל מען איז געקומען צו א איבערצייגונג אז זיי זיינען גערעכט; מען מאכט עס ווייל מען מוז עס מאכען, ווייל די אלטערנאטיווע איז צו פארגיסען בלוט, און מען ווייל בלוט נישט פארגיסען. בשעת מען רעדט וועגן אונז – די איינציגע וואס בעסיצן אונז, די איינציגע וואס קעמפפען פאר אונז, קעמפפען ווייל זיי זיינען איבערצייגט אז מיר זיינען גערעכט. די יעניגע וואס האבען זיך צוגעהערט צו די דעבאטען אין ענגלישען אונטערשטען הויז, די יעניגע וואס האבען די דעבאטען געלייענט, האבען געמוזט באקומען דעם איינדרוק אז איבער די דעבאטען האט געשוועבט א בעשולדיגונג, אז די פאליטיק איז א אומגערעכטע פאליטיק און אז די אידען האבען פארדינט מען זאל מיט זיי זיין גערעכט. וואס איז די קאנסעקווענץ? אויב מיר טוען אין ארץ-ישראל זאכען געגען דעם פארמעלען געזעץ, אויב מיר בענוצען זיך מיט געוואלט, אויף אזא אפן וואס יעדער איינער וואס שטייט דרויסען וועט זאגען: די אידען זיינען גערעכט וואס זיי האבען אזוי געטאן, זיי זיינען גערעכט בשעת זיי האנדלען אזוי – קענען מיר אזוי האנדלען. אבער, אויב דער איינדרוק פון דער עפענטליכער מיינונג פון דער וועלט וועט זיין, אז דאס איז א זאך וואס אידן טארן נישט טאן; איך וועל אנדערש פאמרולירען: אויב מיר טוען עפעס, וואס יעדער מענש וואס שטייט ביי דער זייט וועט זאגען: וואלט איך געווען א איד, וואלט איך געטאן די זעלבע זאך ווייל איך קען אזוי האנדלען – איז דאס א קאמפף מיטעל וואס מיר קענען זיך מיט עם באנוצען. אבער אויב די רעאקציע פון דער וועלט איז א נעגאטיווע, – פון דעם שטאנדפונקט זאג איך אז בשום אפן און אין קיין שום פאל טארן מיר זיך מיט דעם נישט בענוצען. מיר מוזען זיין זייער פארזיכטיג און מיר מוזען מאכען ווי ווייט מעגליך א חשבון פון נוץ און שאדען, ווייל דורך דעם אונטערגראבען מיר טיילן פון דעם פונדאמענט, אויף וועלכען עס שטיין אונזער פאליטישע ארבייט. עס מוז זיין אונזער טאקטיק, ווי ווייט נאר מעגליך נישט אננעמען די איניציאטיוו אין געברויך פון געוואלד מיטלען. האנדלען אזוי אז דער אנדערער צד זאל שטיין פאר דער וואל: אדער רעאגירן אויף דעם וואס מיר האבען געמאכט מיט געוואלט, אדער נישט. אויב די איניציאטיוו וועגן געברויך פון געוואלט מיטלען וועט ארויסגיין פון אונז – וועט דאס זיין א סאך לייכטער צו בערעכטיגען דעם געברויך פון געוואלט

וואלטען מיר געפירט

פון אנדערן צד; xxxxxxxxxxxxxxx אונזער קאמף גאנץ פאראייגזאמט וואלטען מיר געהאט אויסזיכטען אויף ערפאלג, אויף זיג. און דער אונטערשטיצונג פון דער ענגלישער רעגירונג, וואלטען מיר געווען זיכער מיט דער אונטערשטיצונג פון דעם אידישען פאלק. דאן וואלט אפשר דאס פראבלעם געווען אנדערש. אבער די זאך שטייט נישט אזוי, און מיר טארן נישט גיין א וועג וואס מוז אונטערגראבען די פאזיציען, אויף וועלכער מיר מוזען זיך באזירן אין אונזער פאליטישען קאמף.

איך האב מורא אז איך וועל נישט קענען אויך אין דער פארזאמלונג אילוסטרירען מיט קאנקרעטע ביישפילען דאס וואס איך מיין. איך האב מער נישט ווי געמאכט א פרובט אנצודייטען און אלגעמיינע ליניע, אויפצושטעלן דעם פראבלעם; און איך האב דאס געמאכט נישט כדי צו פערשארפען דעם געגענזאץ נאר אלס א פרוב צו דערפירען צו א סינטעזיס. נישט אז איך זאג אז מיר מוזען אפווארפען דעם געברויך פון געוואלט מיטלען אין יעדען פאל. עס איז נישט אז איך זאג אז דער געברויך פון געוואלט מטלען איז פאר אונז א ערלויבטע זאך. דאס וואס איך האב געוואלט בעטאנען איז, אז מיר טארן נישט לא זען אויסער אכט דעם צוויטען עלעמענט פון אונזער פאליטישען קאמף, חאטש דאס מוז ארויפלייגען אויף אונז זייער ערנסטע ביטערע בעשרענקונגען. עס מוז פאר אונז זיין גאנץ קלאר, אז עס מוז זיין ביי אונז שטענדיקע אנשטרענגונגען צו רעדוצירען אט דעם נייען וועג אויף דעם מינימום. איך מיין נישט נאר אז דער קונגרעס, אבער ניש אויך אז די פאליטישע קאמיטיע מוז אין דער פראגע קומען צו א בעשלוס.

איך קען זיך נישט פארשטעלן א בעשלוס וועגען דער פראגע. קיינער וועט נישט זאגען אז מיר דארפען גיין אויף דעם וועג מיט פרייד, מיט גרייטשאפט, און איך מיין אז קיינער וועט נישט זאגען, אז אין קיין שום פאל נישט טארן מיר דאס נישט טאן. דאס מוז בלייבען א פראגע פון אקספידיענסי, פון צוועקמעסיגקייט, פון פארזיכט און זייער ניכטערנע בעטראכטונג אין יעדען בעשטימטען פאל. דאס מוז געמאכט זיין מיט א סאך עלסטיציטעט צו לערנען פון דער ערפארונג און צו מאדיפיצירען ריכטליניעס אין דעם ליכט פון דער ערפארונג. דאס הייסט, אז דאס איז פאר מיר א זאך ניש פון א לעגיסלאטיווער דירעקטיוו (?) וואס א קונגרעס און אירגענד וועלכע קערפערשאפט קען געבען די ליטונג. דאס אי א זאך וואס א עקזעקוטיווער ארגאן, וואס האנדעלט זייער פארזיכטיג, זייער ניכטערן, זייער צוועקמעסיג,

DOC 00333f (7) מ. שרתוק, (15.8.39) ש.ז.

פון צײַט צו צייט, אין יעדען בעזונדערן פאל אדער אין יעדער

בעדונזערן קאמפלעקס פון אלען.